NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12102

FERDINAND LASAL

Israel Ber Beilin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ארבייטער רינג
קינדער ביבליאטעק

פערדינאַנד לאַסאַל

(געבוירן 11טן אַפּריל, 1825. געשטאָרבן 31טן אויגוסט, 1864)

פון י. ב. ביילין.

3131

ביכער־צענטער
National Yiddish Book Exchange

ארויסגעגעבן פון
בילדונגס דעפּאַרטמענט
אַרבייטער רינג.
1926

א אינגל פאַר וועלכן אַלע האָבן מורא.

ס׳איז פול די גאַס מיט מענטשן און טומל.

אינגלאַך צעלויפן זיך אין אַלע זייטן. פון ראָג דער־נענטערט זיך אַ הויכער, שווער־וואַגיקער, דייטשישער פּאָ־ליציי־מאַן און כאַפּט אין זיינע ברייטע אָרעמס איינעם פון די דערשראָקענע אינגלאַך.

— איך שווער, איך בין אומשולדיק! — הייבט זיך אָן דאָס אינגל צו בעטן מיט טרערן אין די אויגן.

דער פּאָליציי־מאַן ווייסט נאָך ניט, צוליב וואָס עס איז דער גאַנצער טומל. עס רינגלען אים באַלד אַרום עטלאַכע פרויען. זיי דערציילן אים, אַז די אינגלאַך האָבן זיך צע־בושעוועט און אויסגעקלאַפּט עטלאַכע שויבן מיט שטיינער.

— דו זאָגסט, אַז דו ביסט אומשולדיק — ווענדט זיך דער פּאָליציי־מאַן צום ציטערדיקן אינגל. — טאָ זאָג, ווער־זשע האָט דאָס געטאָן?

— געוויס בין איך ניט שולדיק, — ענטפערט שוין דאָס אינגל עטוואָס דרייסטער. — דאָס האָט דער איד, פערדי־נאַנד, די שטיינער געוואָרפן.

נישט ווייט פון זיי איז געשטאַנען אַ הויך, שלאַנק אינגל. זיינע טיפע, בלאָע אויגן האָבן פון דער וויטנס

אויסגעקוקט קויל־שוואַרץ. ער איז געווען דער איינציקער פון די אַלע קינדער, וואָס האָט זיך נישט דערשראָקן און האָט מיט אַ רואיקן שמייכל באַטראַכט דעם גאַנצן יאַריד.

— אַהאַ, דאָס ביסטו! — האָט אים דער גראָבער פּאָליציי־מאַן אַ פּאַק געטאָן ביים אַקסל און אים געשלעפּט צו זיך.

— יאָ, איך בין פערדינאַנד — האָט דאָס שלאַנקע, שיינע אינגל מיט אַ פעסטער שטים געענטפערט, און האָט נישט אַ ריר געטאָן מיט קיין אויג.

— יאָ, יאָ, — האָט אַ פעטע און קיילאַכדיקע שכנה זיך אריינגעמישט — ער איז דאָס דער יונגאַטש; ער האָט דאָך לעצטע וואָך מיר דעם גאָרטן צעשעדיקט. —

דעם פּאָליציי־מאַנ׳ס רויטער פּנים האָט זיך נאָך מער צעפלאַמט. ער האָט נאָך שטרענגער אַ פרעג געטאָן ביים אינגל: — „ווער איז דיין פאָטער, און וואו וואוינט ער, דער פאַרפלוכטער איד?

— דו ביזט צוויי מאָל מער פאַרפלוכט, — האָט אים גלייך פערדינאַנד מיט ווירדע אָפּגעענטפערט. — ערשטנס דערפאַר, וואָס מיין פאָטער איז דער אָנגעזעענער קויפמאַן (סוחר), היימאַן לאַסאַל, און איז געבענטשט מיט אַזאַ זון ווי איך; צווייטנס, דערפאַר, וואָס דו צערייסט מיין אַנצוג ווען דו האַלסט מיך אַזוי. ער קאָסט צען מאָל אַזויפיל ווי די שויב דאָרט, וואָס דו ווייסט נאָך אַלץ נישט ווער ס׳האָט אויסגעבראָכן.

דער פּאָליציי־מאַן האָט אים אָפּגעלאָזט און איז אַוועק מיט אַ נאָז. ער איז קענטיק נאָך געווען אַ נייער אויף

דער גאַס. די, וואָס זיינען געווען פאַר אים, האָבן שוין גאַנץ גוט געקענט דאָס חוצפה'דיק און שטאָלץ אידיש אינגל מיט וועלכן ס'איז זיך גאָר א מורא אָנצוהייבן.

— אַהאַ, דאָס ביסטו! — האָט אים דער גראָבער פאָליציי־מאַן אַ פּאַק געטאָן ביים אַקסל.
— יאָ, יאָ — האָט אַ פּעטע און קיילאַכדיקע שכנה זיך אַריינגעמישט —ער איז דאָס דער יונגאַטש.

אין דער אמת'ן איז פערדינאַנד געווען ניט מער שולדיק אין אַט די קינדערשע שקאָצערייען, ווי די אַלע איבעריקע. עס איז אָבער געווען זייער באַקוועם פאַר די אינגלאַך אַרויפצואוואַרפען שטענדיק אויף אים די שולד. און פאַרוואָס זאָלן זיי דאָס ניט טאָן? אים, פערדינאַנדן, האָט דאָס ניט געאַרט. פאַרקערט, עס האָט אים אָפטמאָל הנאה געטאָן, וואָס זיי, קריסטלאַכע אינגלאַך, זיינען שרעקעוודיקער פון אים.

מען דערציילט, אַז איין מאָל, איז לאַסאַל נאָך אינגל-

ווייז, געגאַנגען אין גאַס און געזען ווי צוויי אינגלאַך שלאָגן איינעם. לאַסאַל האָט אַ ווײַלע באַטראַכט דאָס קליינע שלאַכט־פעלד און האָט גלייך ביי זיך באַשלאָסן: „מיט דעם שוואַכן אַנטקעגן די שטאַרקע!" — ער האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די אָנגרייפער און האָט באַפרייט דאָס געשלאָגענע אינגל.

ניט איינער פלעגט זאָגן דעם אַלטן לאַסאַל: — האָסטו אַ זון, היימאַן, האָט ער געמעגט געבוירן ווערן אַ פּרינץ. מיר וואָלטן אין אים אַמאָל געהאַט אַ קעניג מיט דוד'ס העלדישקייט און שלמה'ס חכמה.

לאַסאַל און די אידן.

געוועזן איז דעמאָלט אַ צייט, ווען די אידן אין דייטש־לאַנד האָבן נאָך געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות. מ'האָט אויף זיי נאָך אַלץ געקוקט פון אויבן אַראָפּ. אַ סך שענד־לאַכע געזעצן פון די אַלטע צייטן זיינען נאָך געווען אין קראַפט.

דער יונגער לאַסאַל, מיט זיין געפיל פאַר גערעכטיקייט, האָט ניט געקאָנט אַראָפּשלינגען די באַליידיקונגען. אמת, ער האָט נאָך קינדווייז קנאַפּ־וואָס געהאַלטן פון רעליגיע. פונדעסטוועגן, ווען זיינע קריסטלאַכע חברים האָבן גע־פּרוּווט אָפּלאַכן פון די אידישע דינים האָט ער זיי פאַר־טיידיקט מיט'ן גאַנצן פייער פון זיין יונגער נשמה.

איינמאָל, ווען זיינער אַ חבר האָט זיך מיט אים גע־אַמפּערט, פאַרוואָס ער נעמט זיך אָן פאַר אַ זאַך אין וועל־

פערדינאַנד לאַסאַל, ווען ער איז אַלט געווען עטלאַכע און צוואַנציק יאָר.

כער ער אַליין גלויבט ניט, האָט ער פאַרשריבן ביי זיך אין זיין טאָג-בוך:

„אַזאַ אייזל-קאָפּ דאָס איז! ער קאָן גאָרניט באַגרייפן, אַז מ׳מעג עסן טרפות און זיין אין דערזועלבער צייט אַ געטרייער איד! ווען איך וואָלט נאָר געקאָנט וואָלט איך אָפּגעבן מיין לעבן, כדי אַרויסצוראַטעווען די אידן פון זייער שווערער לאַגע. איך בין אפילו גרייט צו גיין אויפן עשאַפאָט אויב איך וואָלט געקאָנט דורכדעם זיי מאַכן פאַר אַ פאָלק מיט ווירדע. וויפיל מאָל זע איך אין מיין פאַנ־טאַזיע, ווי איך מאַרשיר אין פראָנט פון אַ מחנה באַוואָפנטע אידן, וואָס זיינען גרייט צו קעמפן און ווערן זעלבסטשטענ־דיק".

אינגאַנצן איז נאָך לאַסאַל ערשט אַלט געווען קנאַפּע פופצן יאָר, ווען ער האָט זיך שוין אַרומגעטראָגן מיט אַזעל־כע געדאַנקען. ער האָט זיך שוין דעמאָלט געפילט, ווי אַ דערוואַקסענער מענטש. און וואָס איז דער וואונדער? אויף יעדן טריט און שריט האָט ער נאָר געהערט וועגן זיך לויב-ווערטער. ער האָט זיי גוט אַריינגענומען אין זינען, און אָפט פאַרשריבן זיי אין זיין טאָג-בוך.

זיינע פעאיקייטן זיינען טאַקע געווען וואונדערבאַרע. ער האָט געהאַט אַזאַ זכרון, וואָס זייער ווייניק מענטשן האָבן. מיט איין בליק פלעגט ער דורכנעמען דעם שווערסטן גע־דאַנק. ניט אומזיסט האָט אים אַלעקסאַנדער פאָן הומ־באָלדט אָנגערופן „וואונדער-קינד". און אָט דער גרויסער דייטשישער וויסנשאַפטסמאַן האָט קיינעם ניט געגעבן קיין אומזיסטע קאָמפּלימענטן.

זיינע עלטערן האָבן אים ליב געהאַט און געהיט ווי אַ שוואַרצאַפּל פון'ם אויג. כאָטש זיין פאָטער האָט פון צייט צו צייט געפירט מיט אים מלחמות צוליב זיינע איינ־ריידענישן. איבערהויפּט האָט אים פאַרדראָסן פאַרוואָס זיין פערדינאַנד פאַרלאָזט זיך צופיל אויף זיינע פעאיקייטן און פוילט זיך צו לערנען.

דער יונגער לאַסאַל האָט אויך זייער ליב געהאַט זיינע עלטערן. אין זיין טאָג־בוך פון 14טן יאַנואַר, 1840, איז פאַרצייכנט:

„איך האָב אַזוי שטאַרק ליב מיין פאָטער, ווי נאָר אַ קינד קאָן ליב האָבן. איך וואָלט מיט פאַרגעניגען אָפּגעגעבן פאַר אים מיין לעבן, ווען איך וואָלט נאָר געוואוסט, אַז דאָס קאָן זיין פאַר אים אַ טובה".

דאָך איז אים אויסגעקומען צו שיידן זיך מיט זיינע עלטערן, ווען ער איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר. ער איז אַוועקגעפאָרן אין לייפּציג שטודירן אין דער דאָרטיקער באַרימטער האַנדלס־שול. ער האָט געהאַט בדעה צו ווערן אַ סוחר, כאָטש זיין פאָטער האָט אים שטאַרק אָפּגערעדט דערפון.

גראָד איז אין יענער צייט פאַרגעקומען דער באַוואוסטער בלוט־בלבול אויף אידן אין דמשק, די הויפּט־שטאָדט פון סיריע, וואָס האָט נאָך דעמאָלט באַלאַנגט צו טערקיי. מ'האָט געפונען אַ דער'הרג'ט קריסטלאַך אינגל לעבן אַ אידיש הויז, און ווי געוויינטלאַך האָט מען באַשולדיקט די אידן, אַז דאָס איז זייער אַרבעט, ווייל זיי דאַרפן האָבן דאָס בלוט אויף פסח. עס האָבן זיך שוין

געפונען „כשרע“ עדות, וואָס האָבן כלומר׳שט מיט זייערע אייגענע אויגן געזען, ווי אידן האָבן דאָס געטאָן. מיט דעם פּראָצעס האָט דעמאָלט געקלונגען די גאַנצע וועלט, און לאַסאַל, אויפגערעגט פון דער שרעקלאַכער באַשולדיקונג און פון די פאַרפאָלגונגען אויף אידן, האָט וועגן דעם פאַרשריבן אין זיין טאָג־בוך:

„אָ, ס׳איז שרעקלאך צו לייענען, ס׳איז שרעקלאך צו הערן אַזעלכע ניים! די האָר שטעלן זיך ביי מיר אויף און אַלע געפילן ווערן אָנגעצונדן מיט צאָרן. עס איז צו באַדויערן אַ פאָלק, וואָס טראָגט געדולדיק אַזעלכע יסורים...“

און ער לאָזט דערנאָך אוים:

„אָ, אומגליקלאַך פאָלק פון שרעקעוודיקע האָזן, דו פאַר־דינסט ניט בעסער! דער נישטיקער וואָרים דרייט און קאָר־טשעט זיך, ווען מ׳טרעט אויף אים, זאַמלט זיינע כחות צו־זאַמען און פּרואווט זיך ראַטעווען — און דו, בויגסט דיין קאָפּ נאָך טיפער אַראָפּ. דו קאָנסט ניט פאַלן אין קאַמף און מיט דיין פאַלן אָנמאַכן חורבות. דו פאַרשטייסט ניט וואָס עס הייסט געערעכטע נקמה. דו קאָנסט ניט, ווי שמשון הגבור, באַגראָבן זיך צוזאַמען מיט די שונאים“...

פון די שורות האָט מען שוין געקאָנט זען, אַז דאָ וואַקסט אַ יונגער, אומגעצאַמטער לייב, וואָס וויים ניט פון קיין שרעק, וואָס קאָן ניט פאַרטראָגן קיין שום עולה און אַז אין גיכן וועט זיך זיין געבריל הויך צעטראָגן איבער אַלע לענדער.

רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען אין דער יוגנט.

אין דער האַנדלס-שול אין לייפּציג האָט ער ניט געלעבט בשלום מיט זיינע לערער. ער האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן זייער איינזייטיקייט און שמאָל-קעפּיקייט. אים האָט זיך כסדר געדוכט, אַז זיי פאַרטייטשן צופיל, אַז זיי לאָזן זיך פאַנאַנדער מיט דערקלערונגען ווען עס איז, דוכט-זיך, אַזוי אויך גענוג קלאָר. ביי אים האָט אויסגעקוקט די שווערסטע זאַך איינפאַך און ער האָט אפילו ניט געפונען אַר נייטיק אָנצושטרענגען זיך און הערן די לעקציעס.

עס פאַרשטייט זיך, אַז לאַסאַל איז דאָך ניט געווען קיין מלאך און ער האָט טאַקע, צוליב זיין צופיל גלויבן אין זיך געהאַט אין דער שולע אַ רייע דורכפאַלן. דערפאַר אָבער האָט ער פאַר זיך געלייענט אַ סך גוטע ביכער און איז אין אַ קורצער צייט באַקאַנט געוואָרן מיט די בעסטע שאַפונגען פון דער קלאַסישער ליטעראַטור.

ענדלאַך האָט ער באַשלאָסן אויפצוגעבן אין גאַנצן די האַנדלס-שול. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער האַסט די גאַנצע סוחרישע וועלט מיט אירע שווינדלען און מאַכינאַציעס.

ער האָט וועגן דעם פאַרשריבן אין זיין טאָג-בוך:

„... מיך אינטערעסירן איצט מער די פראַגן וועגן פרייהייט, ווי די פרייזן אויף סחורה. איך האָב אַ שאַרפערע קללה פאַר די געמיינע אַריסטאָקראַטן, וואָס באַרויבן די מענטשן פון דעם העכסטן גליק אויף דער וועלט, איידער פאַר די קאָנקורענטן, וואָס פאַרקויפן פאַר ביליקערע פרייזן. קללו תאַליין אָבער זיינען ווייניק...“

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן, ווי אַ הונגעריקער, אויף די ביכער פון די מאָדערנע שרייבער פון יענער צייט, בערנע און היינע. ביי זיי האָט ער געפונען אַן אָפּקלאַנג פון פיל געדאַנקען, וואָס האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט אין זיין מוח. זיין שאַרף אויג האָט קלאָר דערזען דעם טיפן אָפּגרונט צווישן די מיליאָנען מענטשן פון פאָלק וואָס בויען און שאַפן, וואָס זייען און שניידן און צווישן דעם קליינעם הייפעלע מאַגנאַטן און הערשער.

באַשליסנדיק זיך צו נעמען פאַר דער וויסנשאַפט און קונסט פאַרשרייבט ער אין זיין טאָג-בוך:

„איך האָב חרטה, וואָס איך האָב איבערגעריסן מיין שטודיום אין וויסנשאַפט. עס איז שוין איצט פאַר מיר קלאָר, אַז איך וועל וועל ווערן אַ שרייבער. יאָ, איך וועל אַרויסטרעטן פאַר׳ן דייטשישען פאָלק און פאַר אַלע נאַציעס פון דער וועלט, און מיט פייערדיקע ווערטער וועל איך זיי רופן צו קעמפן פאַר דער פרייהייט. איך וועל זיך ניט אָפּשרעקן פאַר די סטראַשונקעס פון די הערשער; איך וועל זיך ניט לאָזן פון זיי אונטערקויפן מיט טיטולן און מעדאַלן, כדי צו פאַרראַטן דעם אידעאַל פון פרייהייט. איך וועל ניט רוען ביז זיי וועלן ניט בלאַס ווערן פאַר שרעק. פון פאַריז, פון דער פרייער וועלט-שטאָט, וועל איך, אזוי ווי לודוויג בערנע, שיקן מיין וואָרט צו אַלע פעלקער פון דער ערד. די ציינער פון אַלע הערשער וועלן זיך טרייסלען פון ציטערניש. זיי וועלן שוין פאַרשטיין, אַז זייער לעצטע שעה האָט געשלאָגן...“

אין עלטער פון זיבעצן-אַכצן יאָר האָט שוין לאַסאַל פאַרטראַכט דעם פּלאַן פון זיין לעבן. קיינער האָט אים

שוין ניט געקאָנט אַראָפּפירן פון זיין רעוואָלוציאָנערן וועג, וואָס ער האָט פאַר זיך אויסגעקליבן.

זיין פאָטער האָט אַ לאַנגע צייט געשוויגן און אים ניט געשטעלט קיין שום פראַגן. ער האָט אַלץ געגלויבט, אַז דאָס איז נאָר קינדערשע היציקייט און אומפּראַקטיש־קייט. ער האָט זיך אָבער שפּעטער אַרומגעזען, אַז זיין זון ווערט וואָס ווייטער אַלץ דרייסטער אין זיינע געדאַנ־קען און אין זיינע האַנדלונגען.

האָט ער איינמאָל מיט אים פאַרפירט וועגן דעם אַ לאַנגן שמועס. דער יונגער פערדינאַנד האָט פאַר אים פאַנאַנדערגעוויקלט אַ שרעקלאַך בילד פון דער נויט פון די, וואָס שאַפן די רייכטימער פון דער וועלט; פון די גרוי־זאַמע מעשים פון די, וואָס האָבן די מאַכט; פון דעם אומ־אויפהערלאכן קאַמף, וואָס קומט פאָר אין דער גאַנצער גע־שיכטע פון דער מענטשהייט צווישן די רייכע און אָרעמע, שטאַרקע און שוואַכע, פריצים און קנעכט. ער האָט אים צום סוף דערוויזן, אַז עס ליגט אַ חוב אויף יעדן ערלאַכן מענטשן צו פירן אַ קאַמף פאַר דעם שענסטן ציל, וואָס קאָן נאָר געבן — פאַר דער באַפרייאונג פון דער וועלט.

דער אַלטער לאַסאַל האָט צוגעשאָקלט מיט זיין גראָען קאָפּ. ער האָט אים פאָטערלאַך אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפ׳ן פּלייצע, און געבעטן זיך ביי אים:

— איך זע, מיין זון, אַז דו ביסט גערעכט, אָבער... אָבער פאַרוואָס זאָלסטו עפּעס דאַרפן זיין די כפּרה פאַר אַלעמען? דו, אונזער איינציקע האָפענונג און טרייסט? פרייהייט, זאָגסטו, קאָן מען נאָר געווינען דורך קאַמף. יאָ,

וועט מען עס דאָך אָבער אָן דיין הילף א ו י ך געווינען. ס'זיינען דאָך פאַראַן אַזוי פיל מענטשן אויף דער וועלט. צו וואָס דאַרפסט ד ו נאָך איינשטעלן דיין לעבן אין קאָן?

פערדינאַנד האָט דעם פאָטער אויפ'ן אָרט גאָרניט גע־ענטפערט. ער האָט אָבער נאָך דעמזעלביקן אָוונט פאַר־שריבן ביי זיך אין טאָג-בוך:

„...איז אפשר מיין פאָטער גערעכט? פאַר וואָס זאָל איך דאָס זיין אַ קרבן פאַר אַלעמען? אָבער ווען יעדערער וועט אַזוי זאָגן, ווי אַזוי וועלן זיך איבערהויפּט געפינען קעמפער?!

פאַרוואָס זאָל איך דאָס זיין אַ מאַרטירער פאַר'ן גאַנצן פאָלק? ווייל אַ געטלאַכע שטים הילכט אין מיין האַרצן און רופט מיך צום קאַמף; ווייל איך האָב אין זיך אַ געט־לאַכע קראַפט, וואָס פאַסט מיך צו צו מלחמה. איך פיל, אַז איך קאָן ליידן און קעמפן פאַר אַ שיינעם אידעאַל..."

און זיין וויטערדיקער לעבן האָט טאַקע באַשטעטיקט, אַז וויניק זיינען געווען אין יענער צייט אַזעלכע בראַווע קעמפער.

לאַסאַל אין פאַרשידענע אוניווערסיטעטן.

קוים האָט דער יונגער לאַסאַל ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער מוז אָנהייבן אַ קאַמף מיט דער אַלטער אָפּגעלעבטער אָרדענונג איז שוין פאַר אים קלאָר געוואָרן וואָס ער מוז איצט טאָן. ער מוז לערנען. ער מוז זיך באַוואָפענען מיט די שאַרפסטע כלי-זין פון וויסן. ער מוז קענען די אַלטע

וועלט — אירע שפּראַכן און געדאַנקן. ער מוז קענען גע־שיכטע און פילאָזאָפיע.

ווי אַ בין האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די פאַר־שידענע וויסנשאַפטן צו זייגן זייער האָניק. פריער אין דעם ברעסלויער אוניווערסיטעט דערנאָך אין דעם בערלינער, וואו עס זיינען געווען אין יענער צייט די גרעסטע געלערנטע פון דעם דור. שפּעטער אין דיסלדאָרף און נאָכדעם אין פּאַריז. פיר יאָר האָט ער אָנגעשטרענגט געלערנט, און די וועלכע האָבן אים געקענט אין יענער צייט, זיינען געווען פּשוט דערשטוינט צו זען וויפיל אָט דער יונגערמאַנטשיק, ביי וועמען ס׳איז נאָך אפילו ניט געווען קיין סימן פון וואָנצעם אויף זיין אויבערשטער ליפּ, ווייס און פאַרשטייט.

אין פּאַריז האָט ער זיך באַקענט מיט אַ גאַנצער ריי גרויסע פּערזענלאַכקייטן, צווישן זיי אויך מיט דעם באַ־רימטן דיכטער היינריך היינע. מיט אים האָט ער זיך גאָר נאָענט באַפריינט. ניט נאָר איז ער געווען אַן אָפטער אַריינגייער ביי אים אין הויז, נאָר דער וועלט־באַרימטער שריפטשטעלער האָט זיך אפילו מיט אים באַראָטן וועגן זיינע פּריוואַטע אנגעלעגנהייטן.

לאַסאַל איז ערשט דעמאָלט אַלט געווען צוואַנציק יאָר און היינע האָט גלייך פאַר זיך דערזען אַ גייסטיקן ריז, וואָס קאָן אים, דעם קראַנקן און פאַרפּאָלגטן זינגער, אַ סך אַרויסהעלפן.

ווען היינע האָט אים דערציילט וועגן די צרות וואָס ער האָט ביים אָפּנעמען די ירושה און די הילפלאָזיקייט פון זיינע אַדוואָקאַטן, האָט זיך לאַסאַל אונטערגענומען איבערצו־נעמען די גאַנצע זאַך אין זיינע הענט. עס איז נישט קיין

גרוים וואונדער, וואָס לאַסאַל האָט געוואַגט איבערצו־
נעמען אַזאַ פאַרוויקלטן ענין — ס׳איז ניט געווען קיין שווע־
רע זאַך פאַר וועלכער ער זאָל זיך האָבן געשראָקן. עס איז
אָבער פאַר אַ סך יאָ געווען אַ וואונדער, ווי אַזוי היינע
האָט דאָס אים אָנגעטרויט.

היינע האָט אָבער געוואוסט וואָס ער טוט. אין אַ
קורצער צייט אַרום, ווי לאַסאַל איז נאָר אָפּגעפאָרן קיין
בערלין, האָט דער פּראָצעס וועגן היינע׳ס ירושה אָנגע־
נומען אַ גינסטיקע ווענדונג. ער איז גלייך אַרויסגעטראָטן
מיט זיין גאַנצער וואונדערבאַרער ענערגיע; אויפגע־
טרייסלט די איינפלוסרייכסטע קרייזן אין בערלין; צוגעצויגן
די בעסטע אַדוואָקאַטן און דער לאַנג־פאַרגליווערטער פּראָ־
צעס האָט זיך גענומען רירן ווי פרילינגס־אייז.

עס פאַרשטייט זיך, אַז היינע איז געווען פול מיט
דאַנקבאַרקייט צו זיין יונגן פריינט און האָט דאָס טאַקע
אים אויסגעדריקט אין אַ רייע באַגייסטערטע בריוו. אין
איינעם פון אָט די בריוו שרייבט ער:

„... איך וועל זיך היינט באַנוגענען נאָר מיט דעם,
וואָס איך וועל אייך דאַנקען. קיינער האָט נאָך פאַר מיר
אַזויפיל ניט געטאָן ווי איר. איך האָב נאָך ניט געזען ביי
קיין שום מענטשן אַזויפיל ליידנשאַפט און קלאָרקייט אין
האַנדלונג. אין פאַרגלייך מיט אייך בין איך נאָר אַ שוואַ־
כע פליג... זייט געזונט און שטאַרק און זייט זיכער, אַז איך
האָב אייך זייער, זייער ליב. עס פרייט מיך, וואָס איך האָב
אין אייך ניט געהאַט קיין טעות. אַזוי ווי איך קריג נאָר
פון אייך אַ בריוו ווער איך פיל מוטיקער און געזינטער"...

און אין אַ רעקאָמענדאַציע בריוו, וואָס היינע האָט מיטגעגעבן לאַסאַל'ן צו דעם דיכטער פאָן ענזע שרייבט ער:

„...מיין פריינט, פערדינאַנד לאַסאַל, וואָס וועט אייך ברענגען אָט דעם בריוו, איז אַן אויסערגעוויינלאַך באַגאַבטער יונגערמאַן, מיט דער גרינדלאַכסטער געלערנטקייט, מיט דעם ברייטסטען וויסן און מיט דעם גרעסטן שאַרפזין, וואָס איך האָב נאָר ווען עס איז געזען"...

יאָ, דער יונגער לאַסאַל איז שוין דעמאָלט גרייט געווען מיט אַלע וואָפן פון דער וויסנשאַפט אַרויסצוטרעטן אין קאַמף פאַר פרייהייט.

דער האַצפעלד פּראָצעס.

לאַסאַל'ס קאַמפּס-לוסט האָט אים שטענדיק געטריבן צו אונטערנעמען אַזעלכע שווערע אַרבעטן, פון וועלכע מיטלמעסיקע מענטשן זאָגן זיך געוויינלאַך אָפּ. ער האָט געדאַרפט שרייבן אַ ווערק איבער איינעם פון די אַלטע גריכישע פילאָזאָפן. צו וועמען נעמט ער זיך? צו איינעם פון די סאַמע שווערסטע און אומפאַרשטענדלאַכסטע — צו העראַקליט'ן. די פילאָזאָפן פון די אַלטע צייטן האָבן הערַאקליט'ן אָנגערופן דער טונקעלער, טאַקע צוליב זיין אומקלאָרקייט.

לאַסאַל האָט זיך מיט זיין גאַנצער ענערגיע גענומען צו דער שווערער אַרבעט. ער האָט כמעט דאָס גאַנצע בוך אָנגעשריבן אין פאַרלויף פון אַכט חדשים. אָבער איידער ער האָט נאָך דאָס בוך פאַרענדיקט איז אים פלוצלונג אַנט-

קענן געקומען אַ שווערערע אויפגאַבע, שווערער נאָך פון דעם ווערק איבער דעם טונקעלן גריכישן פילאָזאָף.

זיין פריינט, דר. מענדעלסאָן, האָט אים באַקענט מיט דער גרעפין פאָן־האַצפעלד, מיט וועמעס נאָמען עס זיינען אין יענער צייט פול געווען אַלע צייטונגען. איר טרויעריקע געשיכטע האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ פון דעם יונגן קעמפער פאַר אמת און יושר. לאַסאַל האָט מיט אַ קלאַפנדיק האַרצן געהערט, ווי איר מאַן, גראַף עדמונד פאָן האַצפעלד, איז באַגאַנגען קעגן איר איין געמיינהייט גרעסער פאַר דער אַנדערער. פון איר חתונה אָן האָט ער איר פאַרביטערט דאָס לעבן. אַ לאַנגע צייט האָט ער זי געהאַלטן פאַרשלאָסן אין אַ פּאַלאַץ און ווען זי איז קראַנק געווען האָט ער צו איר אפילו קיין דאָקטאָר נישט גערופן. צום סוף האָט ער נאָך פון איר אַוועקגענומען די קינדער, וועלכע זי האָט ליב געהאַט ווי דאָס לעבן, און האָט איר איבערגעלאָזט אָן וועלכע עס איז געלט־מיטלען.

די גרעפין איז געווען אַ יתומה און האָט ניט געהאַט ווער עס זאָל זיך פאַר איר אָננעמען. דערצו נאָך האָט דער ברוטאַלער גראַף געדונגען עטלאַכע פאַלשע מענטשן, וואָס האָבן פאַרשפּרייט וועגן דער אומגליקלאַכער פרוי געמיינע ליגנס, כדי איר צו פאַרמיאוס'ן אין אַלעמענס אויגן, אַז קיינער זאָל זיך פאַר איר ניט אָננעמען.

ביי לאַסאַל'ן האָט אויפגעקאָכט זיין בלוט. ניין, ער וועט דאָס ניט שווייגן. ער מוז זיך אָפּרעכענען מיט דעם לומפּיקן גראַף. ער מוז אים ווייזן, אַז ער, פערדינאַנד לאַסאַל, וועט ניט פאַרשווייגן קיין געמיינהייט.

אין עטלאַכע טעג אַרום איז ער אוועק צום גראַף און האָט אים אַרויסגערופן אויף אַ דועל. עס פאַרשטעהט זיך, אַז דער שטאָלצער, מעכטיקער גראַף האָט זיך אויסגעלאַכט פון דעם אידישן אינגל און האָט דעם דועל ניט אָנגענומען. לאַסאַל איז אָבער ניט געווען פון יענע וואָס גיבן לייכט אויף. ער האָט פעסט ביי זיך באַשלאָסן אַריינצונעמען דעם גאַנצן פראָצעס, וואָס די גרעפין האָט פאַרפירט קעגן דעם גראַף, אין זיינע אייגענע הענט.

די גרעפין האָט אָנגענומען זיין פאָרשלאָג און לאַסאַל האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין אַ לאַנגען, פאַרצווייפלטן קאַמף, וואָס האָט זיך געצויגן איבער ניין יאָר. וואָס האָט ער דורך דער צייט ניט געטאָן? ער איז געווען אַ סטודענט פון פילאָזאָפיע און פילאָלאָגיע. אין יוריספּרודענץ האָט ער ניט געהאַט קיין שום באַגריף, אָבער אַז לאַסאַל דאַרף עפּעס איז פאַר אים ניטאָ קיין צו שווערע זאַך.

אין א קורצער צייט פאַרשאַפט ער זיך אַזויפיל וויסן און געניטשאַפט אין יוריספּרודענץ, ווי אַ דערפאַרענער אַדוואָקאַט. מיט דעם ביסל געלט, וואָס ער קריגט פון זיינע עלטערן, טיילט ער זיך מיט דער גרעפין און ער נעמט באַהאָנדלען דעם גראַף מיט געריכטס-פּראָצעסן. דער גראַף האָט געהאַט גענוג געלט, ער איז געווען אַ מיליאָנער, און האָט געהאַט פאַר זיך גרייט די בעסטע אַדוואָקאַטן. דערצו איז ער נאָך געווען פערזענלאך באַקאַנט מיט די וויכטיקסטע ריכטער און רעגירונגס-באַאמטע. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס אידישע, חוצפה׳דיקע אינגל וועט באַלד פאַרמאַטערט ווערן.

ווי וויניק אָבער האָט גראַף האַצפעלד געוואוסט מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן! לאַסאַל האָט אים אַרומגע־רינגלט מיט שפּיאָנען, וואָס זיינען אים נאָכגעגאַנגען טריט נאָך טריט און אויסגעפּאָרשט אַלע זיינע טייוולשע פּלענער. ווען ער האָט געזען, אַז עס איז נייטיק, אַז די וועלט זאָל זיך דערוויסן וואָס פאַר אַ „שיינער" מענטש דער גראַף איז, איז ער ניט פויל געווען און אָנגעשריבן וועגן אים אַ בוך פון איבער זעכציק זייטן, וואו ער האָט אויסגערעכנט אַלע זיי־נע „שיינע" מעשים און געמאַכט אים צו שאַנד און צו שפּאָט. אין זעקס און דרייסיק געריכטן האָט ער געשלעפּט דעם שטאָלצן גראַף און האָט אים ניט געגעבן קיין גע־לעגנהייט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם.

דער סוף איז געווען, אַז דער מעכטיקער גראַף האָט זיך אונטערגעגעבן. אונטערגעגעבן צו דעמזעלביקן, וואָס ער האָט גערופן „נאַריש אידיש אינגל". דער גראַף איז געווען געצוואונגען אָפּצולייקענען די פאַרשידענע רכילות'ן, וואָס ער האָט וועגן דער גרעפין פריער פאַרשפּרייט און אויך אָוועקצוגעבן איר אַ טייל פון זיין מיליאָניקן פאַר־מעגן.

די גרעפין האָט לאַסאַל'ן דערפאַר באַלוינט, ניט נאָר מיט דאַנקבאַרקייט און ליבשאַפט, נאָר אויך מיט אַ יער־לאַכער סומע פון פיר טויזנט טאַלער פאַר'ן גאַנצן לעבן. דאָס האָט געגעבן לאַסאַל'ן אַ מעגלאַכקייט אָנצוגיין שפּע־טער אומגעשטערט מיט זיין ווינסשאַפטלאַכער און געזעל־שאַפטלאַכער אַרבעט.

דאָס יאָר 1848.

אין דעם יאָר 1848 האָט זיך דורכגעטראָגן אַ רעוואָלו־ציאָנערע כוואַליע איבער אַ גאַנצער ריי לענדער אין אייראָ־פּע. אַלטע קעניגלאַכע טראָנען האָבן זיך גענומען וויגן. שטאָלצע מאָנאַרכן האָבן געמוזט אַנטלויפן און אויסבאַ־האַלטן זיך פון זייער „געליבט" פאָלק. שול־קינדער האָבן אַוועקגעוואָרפן זייער קאַץ־און־מויז־שפּיל און געהאָלפן בויען באַריקאַדן.

וואו איז דעמאָלט געווען אונזער פערדינאַנד לאַסאַל?

עס פאַרשטייט זיך, אַז ער איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע אָנפירער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אָבער ער איז דעמאָלט געווען צופיל אַריינגעטאָן אין דעם האַצפעלד־פּראָצעס און ער האָט דאַריבער זיך ניט געלאָזט פילן אַזוי, ווי אַזאַ פייער־זייל וואָלט זיך געקאָנט לאָזן פילן.

און ווערט ער שוין יאָ אַנגעקלאָגט אין געריכט, איז דאָס גאָר פאַר אַ קרימינעלן פאַרברעכן — פאַר צוריידן צו גנבה...

זעט דאָס ניט אויס אַזוי, ווי עמיצער וואָלט דאָ אָפּ־געטאָן אַ שפּיצל? לאַסאַל, וואָס האָט נאָך, ווען ער איז זעכצן יאָר אַלט געווען, גע'חלומ'ט וועגן דעם קאַמף פאַר פרייהייט, זאָל אין דעם רעוואָלוציאָנערן 1848 יאָר באַשול־דיקט ווערן אין אַ קרימינאַל־פאַרברעכן?!!

די מעשה אָבער איז גראָד איינפאַך: לאַסאַל'ן איז ניט איינמאָל אויסגעקומען צו באַנוצן זיך אין זיין קאַמף מיט דעם גראַף האַצפעלד מיט ניט קיין זייער ריינע מע־

טאָדן. אין דעם פאַל האָט זיך דאָס געהאַנדלט וועגן אַ זייער וויכטיקן דאָקומענט, וואָס דעם גראַפ'ס אַ געליב־טע האָט געזאָלט אַוועקפירן קיין רוסלאַנד. ער האָט אָבער זייער נייטיק געדאַרפט האָבן דעם דאָקומענט. שלעכט. וואָס טוט מען?

נעמט ער און רעדט־צו צוויי פון זיינע פריינט, וואָס האָבן אים געהאָלפן פירן דעם האַצפעלד פּראָצעס, אַז זיי זאָלן זען צו באַקומען דעם דאָקומענט, וואָס דעם גראַפ'ס געליבטע האָט געהאַלטן ביים אַוועקפירן. דער דאָקומענט איז געלעגן אין אַ געלט־קעסטל און עס איז זיי אויסגעקומען צוצו'גנב'ענען דאָס גאַנצע קעסטל. דער סוף איז געווען, אַז מ'האָט זיי געכאַפּט, גע'משפט און שפּעטער באַשול־דיקט לאַסאַל'ן אַלס דעם הויפּט־אָנפירער פון דער גנבה.

דער פּראָצעס איז פאַרגעקומען אין קעלן. לאַסאַל האָט געהאַלטן אַ פאַרטיידיקונגס רעדע, וואָס אַזאַ איז נאָך קיינמאָל ניט געהערט געוואָרן אין אַ קרימינאַלן געריכט. ער האָט דערציילט די ריכטער די אורזאַכן, וואָס האָבן אים, אַזאַ יונגן בחור, באַוואויגן צו פירן דעם פּראָצעס פאַר דער גרעפין.

„... איך האָב זיך אַריינגעצויגן אין דעם קאַמף, ווייל איך האָב אין אים געזען פאַרקערפּערט לוועלטלאַכע פּרינ־ציפּן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די גרעפין איז אַ קרבן פון איר אָפּשטאַרבנדיקן קלאַס“.

„... קיינער האָט זיך פאַר איר ניט אָנגענומען, אפילו ניט אירע קרובים. אַלע האָבן געשוויגן. אָבער דאָרט, וואו מענטשן שווייגן הייבן שטיינער אָן צו ריידן. ווען אַלע מענטשלאַכע רעכט ווערן געטראָטן מיט די פיס;

ווען אפילו די שטים פון אייגן בלוט און פלייש שווייגט און דער הילפלאָזער מענטש ווערט פאַרלאָזט אפילו פון זיינע אייגענע קרובים, דעמאָלט מוז ארויסטרעטן דער ערשטער און דער לעצטער קרוב פון דעם אומגליקלאכן מענטשן — דער מענטש"...

אין אַ צווייט אָרט פון דערזעלבער רעדע האָט ער געזאָגט:

„איך האָב געוואוסט וואָס פאַר אַ שווערע אויפגאַבע איך נעם אויף זיך. איך האָב געוואוסט די געפאַר אין וועלכער איך שטעל זיך, אָבער דאָס האָט מיר ניט אָפּגעהאַלטן. איך האָב באַשלאָסן אַרויסצושטעלן דעם אמת אַנטקעגן דער פאַלשקייט; די גערעכטיקייט אַנטקעגן דעם יחוס-טיטל; די מאַכט פון גייסט אַנטקעגן דער מאַכט פון קאַפּיטאַל".

די רעדע איז געווען אַ לאַנגע, אָבער דאָך האָט קיינער, פון די וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין געריכטס-צימער, ניט געוואָלט פאַרלירן קיין איין וואָרט פון דעם רעדנער. אַזעלכן האָבן זיי נאָך קיינמאָל ניט געהערט אין אַזאַ פלאַץ. אַזעלכע געטאָקטע ווערטער, אַזעלכע ריינע געדאַנקען, אַזאַ שיינער, לויטערער אידעאַל ביי אַ מענטשן, וואָס ווערט גע'משפט פאַר אַ גנבה, האָבן זיי זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן. ער האָט פאַרענדיקט די רעדע, בעטנדיק, אַז מ'זאָל אים ניט חושד זיין, אַז ער האָט אין דעם פראָצעס, וואָס ער פירט פאַר דער גרעפין, אייגננוציקע מאָטיוון.

„...אָט די מענטשן, וואָס באַשולדיקן מיך אין אייגננוציקן מאָטיוון, האָבן פאַרגעסן איין זאַך — מיין יוגנט. זיי האָבן פאַרזען, אַז כאָטש אונזער איצטיקע צייט ווערט

אָנגערופן אַ צייט פון עגאָאיזם, פון אייגננוציקייט, איז אָבער די יוגנט אין אַלע צייטן געווען, און וועט זיין, די צייט פון אידעאַליזם, פון מוט און באַגייסטערונג, פון גרייט־קייט זיך מקריב צו זיין״.

די רעדע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק ניט נאָר אין געריכטס־צימער, נאָר אין גאַנץ דייטשלאַנד.

אָבער אפילו אין דער צייט, ווען ער איז געווען מיט הענט און פיס פאַרבונדן מיט די פעדים פון דעם האַצפעלד־פּראָצעס, האָט ער ניט נאָר גענומען אַ טיפן אינטערעס אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען, נאָר אויך אַן אַקטיוון אַנטייל. אַזוי שנעל, ווי די רעגירונג האָט צוריק אָפּגענומען ביי דעם פאָלק די קאָנסטיטוציאָנעלע פרייהייטן און האָט איינגעפירט באַ־לאַגערונגס־צושטאַנד, איז ער אַרויסגעטראָטן אויף אַ גאַנ־צער רייע פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען און האָט אויפגעפאָ־דערט דאָס פאָלק ניט צו צאָלן קיין שום שטייערן דער רעגירונג. ער האָט אויך געלאָזט פאַנאַנדערקלעפּן גרויסע אויפרופן אויף די גאַסן, וואָס האָבן גערופן דעם פאָלק צו אַ צווייטער רעוואָלוציע.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די רעגירונג פאַרשפּאַרט גלייך דעם לייב אין קליעטקע. מ׳זעצט אים אַריין אין דער דיסל־דאָרפער טורמע. אָבער אויך דאָרט ווייזט לאַסאַל וואָס ער קאָן. ער וויל זיך ניט אונטערוואַרפן אונטער די טור־מע־געזעצן. די באַאַמטע און וועכטער פּרואוון אים דיס־ציפּלינירן און אָנווייזן, אַז ער איז אַן אַרעסטאַנט. אָבער ווי זיי האָבן דאָס גלייך חרטה געהאַט אויף זייער אומוויסנקייט מיט וואָס פאַר אַ סאָרט אַרעסטאַנט זיי האָבן

דאָס דאָ צו טאָן! לאַסאַל האָט זיי אויפגעשפּילט אַזעל־כע חתונות, אַז די באַאַמטע האָבן זיך געמוזט אונטער־געבן און לאַסאַל האָט זיי אַרויסגעגעבן זיינע כּללים. אפילו אין דעם אייזערנעם שטייג האָט מען דעם שטאָלצן לייב ניט געקענט צאַמען!

— עס פאַרשטייט זיך, אַז די רעגירונג פאַרשפאַרט גלייך דעם לייב אין שטייג. מ׳זעצט אים אַריין אין דער דיסעלדאָרפער טורמע. אָבער אויך דאָרט ווייזט לאַסאַל וואָס ער קען. ער וויל זיך ניט אונטערוואַרפען אונטער די טורמע־געזעצן. די באַאַמטע און וועכטער פּרואוון אים דיסציפּלינירן און אָנווייזן, אַז ער איז אַן אַרעסטאַנט.

אַ האַלב יאָר האָט מען אים געהאַלטן אין טורמע. לאַסאַל האָט געוואַרט מיט אומגעדולד אויפ׳ן טאָג, ווען מ׳וועט אים פאַרברענגען פאַר׳ן געריכט. אָ, וועט ער זיי געבן!

און דער טאָג איז געקומען. לאַסאַל שטייט פאַר זיינע ריכטער. אָבער ניט ווי אַן אָנגעקלאָגטער איז ער דאָ.

ניין. מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ שטייט ער שטאָלץ פאַר די, וועמען ער באַטראַכט אין זיין רעדע, אַז זיי באַגייען בלוטיקע גוואַלט-טאַטן.

אַנשטאָט צו פאַרטיידיקן זיך שיקט ער גאָר אַרויס דורך זיין געדרוקטער רעדע (מ'האָט אים ניט געלאָזט האַלטן זי אין געריכט), אַ מאַניפעסט, אַן אויפרוף, איבער די קעפּ פון די געשוואָרענע ריכטער, צו די רעוואָלוציאָנערע מאַסן פון דער וועלט. ער הייבט גלייך אָן: — „מיט פאַרגעניגן דערקלער איך אייך דאָ, אַז פון מיין טיפסטער איבערצייגונג שטיי איך אויף דעם רעוואָלוציאָנערן שטאַנדפונקט און איך בין אַ געטרייער אָנהענגער פון אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישער רעפּובליק"...

די רעדע פאַרנעמט אַ גאַנץ בוך און ווערט נאָך איצט אויך פאַררעכנט פאַר איינער פון די מייסטערהאַפטסטע פּאָליטישע רעדעס, וואָס זיינען ווען עס איז געהאַלטן געוואָרן פון אַזאַ יונגן מענטשן, וואָס האָט ערשט מיט אַ האַלב יאָר צוריק געפייערט זיין דריי-און-צוואַנציקסטן געבורטס-טאָג.

לאַסאַלס לעבן באַם רהיין און אין בערלין.

לאַסאַל איז אויף יענעם פּראָצעס באַפרייט געוואָרן. עס איז אים אָבער פאַרבאָטן געוואָרן אַרויסצופאָרן פון דעם רהיין-געגנט. דאָרט האָט די פּאָליציי אויף אים געהאַלטן אַן אויג. מערסטנטייל האָט ער געוואוינט אין דיסלדאָרף, וואו עס האָט זיך אויך אויפגעהאַלטן זיין נאָענטע פריינדין, די גרעפין פאָן האַצפעלד, און פון דאָרט האָט ער

פאַרגעזעצט אָנצופירן מיט איר פּראָצעס קעגן איר טיראַ־נישן מאַן.

די רהיין־געגנט איז איבערהויפּט געווען, אין יענער צייט, אַ צענטער פון ראַדיקאַלן און אַ היים פון פרייהייט־לאַכע שטרעבונגען. דאָרט האָט אויך קאַרל מאַרקס אַרויס־געגעבן אַ קורצע צייט די „נייע רהיינישע צייטונג", וואָס האָט מוטיק געקעמפט קעגן דער רעאַקציאָנערער פּרייס־שער רעגירונג, ביז וואַנען ער האָט געמוזט אַנטלויפן.

לאַסאַל איז געווען געצוואונגען צו פאַרבלייבן דאָרט אַרום צען יאָר. עס פאַרשטייט זיך, אַז ער איז דאָרט אויך ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. כאָטש דער האַצפעלד פּראָצעס האָט איינגעשלונגען אַ מאַסע פון זיין צייט און ענערגיע האָט ער נאָך געפונען צייט פאַר דער רעוואָלו־ציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע. זיין הויז איז געווען אָפן פאַר יעדן פּאָליטישן פאַרפאָלגטן. זיין האַנט איז געווען פריי מיט געלט, וואו מ'האָט זיך נאָר גענייטיקט.

עס האָט אים אָבער געצויגן קיין בערלין. דאָרט וואו עס שוימט דאָס פּאָליטישע לעבן פון לאַנד. דאָרט, וואו ער האָט אַזויפיל פריינט און באַקאַנט. דעם קאַמף אַנטקעגן דעם גראַף האַצפעלד האָט ער שוין געוואונען און אין אים האָבן זיך צושפּילט אַלע אַפּעטיטן פאַר נייע קאַמפן און נייע זיגן. וואו איז נאָך פאַראַן פאַר אים אַ גינסטיקערער פעלד פאַר זיין שפּרודלענדיקער ענערגיע און קאַמפס־לוסט, ווי אין דער הויפּטשטאָט בערלין?

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ פורמאַן און איז אָנגעקומען באַהאַלטענערהייט אין פרי־לינג, 1857, קיין בערלין. ווי מאָדנע ס'האָט אים איצט

אויסגעקוקט די שטאָט, וואָס ער האָט שוין אַזוי לאַנג ניט געזען! בערלין איז פאַר דער צייט געוואָרן גרעסער און שענער. אים האָט זיך געוואָלט גיין און זען די נייע גאַסן, זיינע אַלטע פריינט, אָבער ער טאָר זיך אויף קיין איין מינוט ניט פאַרגעסן, אַז ער איז דאָ אַן אומגעבעטענער גאַסט. אין יעדער רגע קאָן אים נאָך די פּאָליציי כאַפּן און אַרויסשיקן.

לאַסאַל האָט אָנגעהויבן צו מאַכן דורך זיינע נאָענט-סטע פריינט גרויסע אָנשטרענגונגען, אַז די רעגירונג זאָל אים דערלויבן צו וואוינען אין בערלין. עס איז אָבער צו-געגאַנגען זייער שווער. מ׳דערציילט, אַז איינמאָל איז זיין באַשיצער, דער באַרימטער אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלדט, געזעסן אין א הויכער געזעלשאַפט אויף וועלכער עס איז אויך געווען אָנוועזענד דער פּאָליציי-פּרעזידענט הינקעלדיי. דער גרויסער געלערנטער איז שטאַרק צוגעשטאַנען צו אים, אַז ער זאָל דערלויבן לאַסאַל׳ן צו זיין אין דער הויפּט-שטאָט.

— ביי מיר האָט איר גע׳פּועל׳ט — האָט דער פּאָלי-ציי-פּרעזידענט געענטפערט, — אָבער דער קעניג איז שטאַרק קעגן דעם.

— דער קעניג!״ — האָט אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלד מיט שמחה אויסגעשריען — „מיט אים וועל איך שוין פאַר-טיק ווערן. זעט נאָר, אַז איר זאָלט ניט קאַליע מאַכן.

הינקעלדיי האָט אים געגעבן זיין וואָרט, אַז ער וועט ניט שטערן און דער גרויסער געלערנטער האָט טאַקע גע-קראָגן ביים קעניג די דערלויבניש.

לאַסאַל האָט זיך גלייך באַזעצט אין איינער פון די שענסטע בערלינער געגנטן, אַרום דעם טירגאַרטן און זיין הויז איז געוואָרן דער צענטער פון ליבעראַלע פּאָליטיקער, ווּיסנשאַפטס־לייט און קינסטלער. לאַסאַל האָט געהאַט אין זיך אַן איינגעבאָרענעם חסרון, וואָס אים האָט זיך געוואָלט אויסצייכענען אויף יעדן געביט. אים איז ניט געווען גע־נוג, וואָס ער אַליין איז אַזוי גייסטרייך און אינטערעסאַנט און ציט־צו צו זיך ווי אַ מאַגנעט. אים האָט זיך אויך גע־וואָלט, אַז זיין וואוינונג זאָל זיין אַ מוסטער פאַר אַלעמען.

לאַסאַל האָט אויסגעשטאַט זיין הויז מיט אַזאַ פאַנטאַס־טישן לוקסוס, וואָס פיל מיליאָנערן אין יענער צייט האָבן פון דעם ניט גע׳חלומ׳ט. די קאָסטבאַרסטע אַנטיקן פון די מזרח־לענדער זיינען פאַר אים ניט געווען צו טייער. זיינע געסט האָט ער שטענדיק צוגענומען מיט גרויס כבוד און פּאָמפּ. זיינע אָוונט־מאָלצייטן האָבן גע׳שמ׳ט אין בערלין מיט זייער פייערלאַכקייט, רייכטום און גלאַנץ. ער האָט געשטעלט פאַר זיינע געסט די טייערסטע ווינען און די זעלטנסטע מאכלים.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זיינען ניט געווען גלאַט אַזוי פּוסטע הוליאַנקעס. ביי די טישן איז דער געפינקל פון די טייערע ווײַן־גלעזער און בלישטשנדיק געשיר פאַרטונקלט געוואָרן פון די בליצנדיקע און גייסטרייכע געשפּרעכן אויף פאַרשידענע געביטן פון פּאָליטיק, וויסנשאַפט און קונסט. לאַסאַל אַליין האָט געשטראַלט מיט זיין חכמה, וויסן און אָראַטאָריע און אַלע האָבן זיך געדרייט אַרום אים, ווי בינען איבער אַ פּראַכטפול־פאַנאַנדערגעעפנטער רויז.

— איז ער ניט דער שענסטער מאַן, וואָס מ׳האָט גע־קאָנט וואו עס איז טרעפן? — האָט געפרעגט די שיינע פרוי פון פראָפעסאָר דידערימש, דעם באַרימטן פילאָלאָג בעק, אָנווייזנדיק אויף דעם שטראַלנדיקן לאַסאַל׳ן.

— צי ער איז דער שענסטער, קענט איר, מאַדאַם, גי־כער אורטיילן, ווי איך — האָט איר בעק שטיל געענט־פערט — איך בין אָבער זיכער, אַז ער איז דער קליגסטער און געלערנטסטער מענטש, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן.

און אַזאַ מיינונג וועגן לאַסאַל׳ן האָבן געהאַט אַלע די, וועלכע האָבן אים נאָענט געקענט און באַוועגט זיך אין זיין קרייז. מ׳האָט אָבער אויך געוואוסט, אַז לאַסאַל איז ניט נאָר אַ גייסטיקער ריז, נאָר אויך אַ פיזישער. ער איז געווען אַ זעלטן גוטער פעכטער און שיסער און, אז מ׳האָט געדאַרפט אַמאָל באַנוצן זיך מיט די הוילע הענט, איז זיין פויסט אויך ניט געווען קיין ווייכע הענטשקע.

מ׳דערציילט, אַז איינמאָל איז אויף אים אַ געוויסער חברה־מאַן אין כעס געוואָרען, דערפאַר וואָס אים האָט זיך געדוכט, אַז לאַסאַל האָט אים מיט אַ וויץ באַליידיקט אין דער אָנוועזנהייט פון א שיינער דאַמע. יענער האָט מכבד געווען לאַסאַל׳ן מיט אַ פאַטש און אים אַרויסגערופן אויף אַ דועל. לאַסאַל אָבער האָט ניט געוואָלט פאַרפירן קיין געשלעג אין דער אנוועזנהייט פון דער דאַמע און האָט אים פאַרשווינגן. פון דעם דועל האָט ער זיך אָבער אָפּגעזאָגט, ווייל ער איז שוין געווען אין יענער צייט אַ פולשטענדיקער סאָציאַליסט און האָט געהאַסט אַזאַ אופן פון אויסגלייכן

סכסוכים. דער באַליידיקטער חברה־מאַן איז אָבער געוואָרן נאָך מער אין כעס און האָט אים אויף מאָרגן אָפּגעוואַרט, צוזאַמען מיט זיינעם אַ פריינט, לעבן די בראַנדעבורגער טויערן, וואו לאַסאַל פלעגט האָבן זיין טעגלאַכן שפּאַציר. זיי האָבן זיך פון הינטן פלוצלונג אַרויפגעוואָרפן אויף אים און אים גענומען שלאָגן מיט זייערע שווערע שטעקנס.

נו, נו, אין איין אויגנבליק, האָט זיך לאַסאַל אַ דריי געטאָן און האָט זיי באַשאָטן מיט אַזעלכע פייערדיקע קלעפּ, אַז זיי האָבן זיך קוים אָפּגעטראָגן לעבעדיקע. צום אָנדענק פון דעם פויסט־קאַמף האָט אים זיין פריינט, דער דייטשישער היסטאָריקער פערסטער, געשענקט אַ היסטאָריש אַנטיקל — דעם שטעקן פון דעם באַקאַנטסטן פירער פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, פון דעם העלדישן ראָבעספיער.

לאַסאַל האָט אים פון דעמאָלט אָן שטענדיק מיט זיך געטראָגן און פלעגט זיך ווייזלען: דאָס איז ראָבעספּיער׳ס שטעקן און דאָס איז (אָנווייזנדיק אויף זיין אייגענער קאָפּ) זיין קאָפּ. ער פלעגט אויך אָפט שטאָלצירן מיט זיינע לאַנגע געקרייזלטע האָר און זאָגן: דאָס איז שמשון הגיבור׳ס גריווע מיט וועלכער ער האָט ביי־געקומען די פלישתים.

לאַסאַל׳ס וואונדערבאַרע פעאיקייטן.

לאַסאַל האָט טאַקע אויף אַן אמת געהאַט פעאיקייטן מיט וועלכע מ׳מעג שטאָלצירן. אויסער זיין קלאָרן שכל און אויסערגעוויינלאַכן זכרון האָט ער אויך געהאַט אין זיך

אַזאַ גרויסן זאַפּאַס פון ענערגיע און ווילנסקראַפט וואָס איז זעלטן צו געפינען צו אים אַ גלייכן. אין פאַרלויף פון די לעצטע צוויי יאָר פון זיין לעבן האָט ער אַרויסגעגעבן זיינע צוואַנציק ביכער, עטלאַכע פון זיי גרויסע שאַפונגען. מיט עטלאַכע יאָר פריער האָט ער פאַרענדיקט זיין באַרימט בוך איבער הערקליט׳ן און זיין גרוים ווערק „דאָס סיסטעם פון דערוואָרבענע רעכט“.

איבער וואָס האָט ער ניט געשריבן? איבער פילאָזאָ-פיע און איבער רעכטס-ווימנשאַפט. איבער פאָליטיק און עקאָנאָמיק. איבער ליטעראַטור און שטאַטס-ווימנשאַפט. איבער געשיכטע און אַרבעטער-פראַגן. זיין אַמביציע האָט אים אַפילו געטריבן צו שרייבן אַ דראַמע אין פערזן. דערצו האָט ער געהאַט אַ פאַרצווייגטע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איז אַריבערגעוואַקסן ווייט איבער די גרענעצן פון דייטשלאַנד.

לאַסאַל׳ס בריוו זיינען אַליין אויך געווען ווערטפולע ליטעראַטור. ער האָט זיך צוזאַמענגעשריבן מיט אַזעלכע גרויסע גייסטער ווי קאַרל מאַרקס, פרידריך ענגעלס, היינ-ריך היינע, גאַריבאַלדי, ראָדבערטוס, ריכאַרד וואַגנער. אין די לעצטע יאָרן האָט ער דורכשניטלאַך געשריבן יעדן טאָג צוועלף בריוו. דערצו נאָך זיינען זיינע בריוו געווען לאַנגע, אָפטמאָל גאַנצע ווערק. מ׳ווייסט פון בריוו (אַנדערע פון זיי זיינען שפּעטער געדרוקט געוואָרן), וואָס האָבן גע-האַט איבער פערציק זייטן.

ווען מ׳דערמאָנט זיך אויך וויפיל פאַרטיי-פּליכטן לאַ-סאַל האָט אויף זיך געהאַט אין יענער צייט, וויפיל פּראָ-צעסן ער האָט אויף זיך געהאַט, וויפיל לעקציעס אים איז

אויסגעקומען צו לייענען, אויף וויפיל אַרבעטער מיטינגען ער האָט געדאַרפט אַרויסטרעטן, קען מען זיך ערשט שאַפן אַ שטיקל באַגריף, וויפיל טייכן ענערגיע עס האָבן זיך דאָס אַרויסגעגאָסן פון זיין ברייט האַרץ.

עס דאַרף דעריבער ניט זיין קיין וואונדער, וואָס לאַסאַל האָט זיך אין די לעצטע יאָרן געפילט פאַרמאַטערט און צעבראָכן אין געזונט. ער איז געווען געצוואונגען אָפטער צו היילן זיך אין פאַרשידענע קור-פּלעצער.

און אזוי ווי זיין ענערגיע אזוי איז אויך געווען זיין ווילנס-קראַפט. קיין זאַך האָט אים ניט אויסגעקוקט צו זיין צו שווער. וועגן אונטערגעבן זיך אימיצן האָט ער קיינמאָל ניט געקלערט. אפילו די, וועלכע ער האָט באַטראַכט פאַר גרעסערע פון זיך, האָט ער ניט געשוינט. דאָס איז שוין געווען ביי אים אַן איינגעבוירענער פעלער פון וועלכן ער האָט זיך קיינמאָל ניט געקאָנט באַפרייען.

מאַרקס'ן און ענגעלס'ן האָט ער באַטראַכט פאַר זיינע לערער אין סאָציאַל-עקאָנאָמישע פראַגן. און דאָך האָט ער אפילו צו זיי אַרויסגעוויזן אַ געוויסע מאָס חוצפּה. ווען ער האָט מיט זיי פאַרהאַנדלט וועגן אַרויסגעבן צוזאַמען אַ סאָציאַליסטישע צייטונג האָט ער ניט אַנדערש פאַרלאַנגט נאָר, אַז מאַרקס און ענגעלס צוזאַמען זאָלן האָבן איין שטים, און ער, לאַסאַל, זאָל האָבן איין שטים, כדי זיי בײדע זאָלן אים ניט קענען אַריבערוועגן. עס פאַרשטייט זיך, אַז מאַרקס'ן האָט אויך ניט געפעלט קיין זעלבסט-ווירדע און ער האָט דעם פאָרשלאַג שאַרף צוריקגעוויזן.

דאָס האָט לאַסאַל'ן פונדעסטוועגן ניט געשטערט צו שיקן פון צייט צו צייט דעם אָרעמען מאַרקס'ן געלט. מאַרקס

אַליין האָט דערפון ניט געוואוסט, ווייל לאַסאַל פלעגט דאָס צושיקן מאַרקס׳עס פרוי מיט וועלכער ער האָט זיך אויך אָפט דורכגעשריבן.

לאַסאַל׳ס לעצטע טעטיקייטן.

לאַסאַל האָט מיט זיין געזונטן חוש דערפילט, אז ס׳איז געקומען די צייט אַרויסצופירן דעם אַרבעטער־קלאַס אויף דער פּאָליטישער אַרענע. גענוג שוין פאַרלאָזט זיך אויף די, וואָס האָבן פאַרראַטן די פאָלקסמאַסן און האָבן זיך נאָר אינטערעסירט מיט זייערע אייגענע בירגערלאכע אינטע־רעסן. גענוג שוין צו שפּילן זיך מיט פראַזן און לאָזן דעם אַרבעטער־קלאַס פאַרצעוועןעןן פאַר אַ הונגער־לוין. עס מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָראָפּגעריסן ווערן די מאַסקע פון די כלומר׳שטע פאָלקס־פריינט און פּראָגרעסיסטן.

אַ גרויסער געדאַנק איז צייטיק געוואָרן אין לאַסאַל׳ס מוח. עס מוזן צוריק אויפגעלעבט ווערן די כמעט־שוין־פאַרגעסענע לאָזונגען פון קאָמוניסטישן מאַניפעסט. ס׳איז געקומען די צייט, ווען דער אַרבעטער־קלאַס דאַרף זיך דער־שלאָגן צו מאַכט!

דערווייל שטייגט זיין נאָמען אַלץ העכער און העכער. וואו רעדט מען דאָס ניט וועגן לאַסאַל׳ן? ווער וויל דאָס אים ניט האָבן מיט זיך? אפילו די „פילאָזאָפישע גע־זעלשאפט“ פון בערלין, וואָס האָט געהאַט צווישן אירע מיטגלידער נאָר די סאַמע אויסדערוויילטסטע, נעמט אים אַריין איינשטימיק פאַר אַ מיטגליד. או ןדאַרף זי פייערן דעם אָנדענק פון דעם גרויסן פילאָזאָף פיכטע — וועמען קלייבט

זי אוים צו האַלטן די פייערלאַכע רעדע? — לאַסאַל׳ן.

אין אַ רייע לעקציעס און שריפטן האָט לאַסאַל באַגרינדעט אַן אַרבעטער־פּראָגראַם, וואָס איז דערנאָך אָנגענומען געוואָרן פון דעם „אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער־פאַראיין״. אַט דעם פאַראיין האָט ער טאַקע געגרינדעט אין אָנהייב פון דעם יאָר 1863 צוזאַמען מיט עטלאַכע אינטעליגענטע לייפּציקער אַרבעטער.

דער אַלגעמיינער ציל פון אָט דעם פאַראיין איז געווען די אָפּשאַפונג פון פּריוואַט־אייגנטום אויף דער ערד און פּראָדוקציע. דאָס קאָן אָבער, נאָך לאַסאַל׳ס מיינונג, אַזוי גיך ניט פאַרווירקלאַכט ווערן. דאַרף דערווייל דער אַרבעטער אָנזאַמלען כוחות און מאַכט, פּאָליטישע אַזוי גוט ווי עקאָנאָמישע. פּאָליטישע מאַכט, דורכדעם וואָס דער אַרבעטער וועט דערגרייכן אַלגעמיינע וואַל־רעכט און וועט אויף אַזאַ אופן זיך קאָנען לאָזן פילן אין דער מלוכה־פירערשאַפט פונ׳ם לאַנד. עקאָנאָמישע מאַכט דורכדעם, וואָס די אַרבעטער וועלן זיך אָרגאַניזירן אין פּראָדוקטיווע געזעלשאַפטן, און אַרבעטן בשותפות, אָן דער פאַרמיטלונג פון קאַפּיטאַליסטן, נאָר מיט דער הילף פון קרעדיט, וואָס די מלוכה וועט זיין געצוואונגען (דורך פּאָליטישן קאַמף) צו געבן.

אויף אַזאַ אופן האָט לאַסאַל גערעכנט צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער, אויפהייבן זיי אויף אַ העכערער מדרגה און צוגרייטן זיי, אַז זיי זאָלן דערנאָך קאָנען איבערנעמען די גאַנצע מאַכט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די גאַנצע געשיכטע האָט קנאַפּוואָס געשמעקט די בורזשואזע ליבעראַלן. ווי צערייצטע

וועלף זיינען זיי אויף אים אָנגעפאַלן פון אַלע זייטן. זיי האָט זיך שטאַרק געוואָלט פירן די ארבעטער ווייטער פאַר דער נאָז און דאָ האָט זיי גאָר לאַסאַל אַרויסגעריסן פון זייערע הענט און אַרויפגעפירט אויף אַ זעלבסטשטענדיקן וועג.

— לאַסאַל איז אַ פאַררעטער! — האָבן זיי אין צאָרן געשריען.

— לאַסאַל האָט זיך פאַרקויפט צו דער רעאַקציאָנערער רעגירונג! — האָבן זיי מיט פאַרקריצטע ציין געשריבן אין די ציישונגען.

לאַסאַל'ן האָט דאָס, פאַרשטייט זיך, ווינציק-וואָס גע- אַרט. פאַרקערט, ער האָט איינגעזען, אַז מיט דער אָר- גאַניזירונג פון די אַרבעטער אין אַ באַזונדער פאַרטיי האָט ער געטראָפן דער בורזשואַזיע גלייך אין קאָפּ אריין. ער האָט זיך דאריבער גענומען מיט מער פיבער פאַר דער ארבעט.

די גענעראַל-עקזעקוטיווע פון דעם פאַריין האָט אים אויסגעקליבן אַלס פּרעזידענט פון דער אָרגאַניזאַציע. ער איז אָבער געווען, ניט נאָר איר פּרעזידענט, נאָר אויך איר פעלדמאַרשאַל. ער האָט אויסגעאַרבעט די פּלענער פון טע- טיקייט, צוגעשטעלט דאָס נייטיקע געלט, געשריבן די אויפ- רופן, גערעדט אויף די מיטינגען, געפאָרן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער און אויפגעוועקט די אַרבעטער איבער גאַנץ דייטשלאַנד פון זייער טיפן שלאָף.

אָבער אין דערזעלבער צייט, וואָס די בורזשואַזע לי- בעראַלן האָבן אים באַשולדיקט, אַז ער האָט זיך פאַרקויפט

צו דער רעגירונג, ווערט ער אָנגעקלאָגט טאַקע פון דער רעגירונג פאַר זיין „אַרבעטער־פּראָגראַם". דער פּראָצעס קומט פאָר אין אַ בערלינער געריכט און לאַסאַל גיט זיך, ווי געוויינלאַך, ניט אַזוי גרינג אונטער.

זיין רעדע, וואס איז שפּעטער דערשינען אונטער דעם נאָמען „די וויסנשאַפט און די אַרבעטער", מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק ניט נאָר אין געריכטס־זאַל נאָר אין גאַנץ דייטש־לאַנד. ווי אַן אָדלער עסט ער זיך איין מיט זיינע נעגל אין דעם פּראָקוראָר און מאַכט פון אים חוזק. ער רופט אַרויס זיבן מיטגלידער פון דער וויסנשאַפטלאַכער קיי־זערלאַכער אַקאַדעמיע, אַז זיי זאָלן עדות זאָגן וועגן דער וויסנשאַפטלאַכקייט פון זיינע ווערק. פונדעסטוועגן ווערט ער פאַר'משפּט, און אין דער צייט, וואָס ער אַפּע־לירט צו אַ העכערן געריכט, גיסט זיך אויף אים אַ גאַנצער מבול פון נייע געריכט אָנקלאַגעס פאַר מאַיעסטעט־באַליידי־קונגען, מלוכה־פאַררעט און רופן צו רעוואָלוציע.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אַט די פּראָצעסן, דאָס זיצן אין טורמעס, צוזאַמען מיט זיין פיבערהאַפטיקער טעטיקייט האָבן אים שטאַרק אויסגעמאַטערט. אין דעם איין ווינטער פון 1863-64 איז צו אים אָנגעקומען 55 באַשולדיקונגס־אַקטן פון פאַרשידענע געריכטן. און דאָ פלאַקערט זיך נאָך די אַרבעט ערשט פאַנאַנדער. אַזויפיל צו אָרגאַניזירן, אַזויפיל צו אונטערנעמען. אַט האָט שולצע־דעליטש, איינער פון די ליבעראַלע רעפאָרמער, אָנגעשריבן אַ בוך וועגן דער אַרבעטער־פראַגע. אויב עס וועט נישט קומען אַן ענטפער אויף דעם בוך וועלן פיל אַרבעטער פאַרפירט ווערן דורך אים. מ'דאַרף אים ענטפערן!

לאַסאַל קלערט ניט פיל און שרייבט אָן אַ בוך פון אַרום דריי הונדערט זייטן, וואו ער צעשמעטערט שולצע־דעליטשעס עקאָנאָמישע געביידע אויף פיצלאַך. מ'דאַרף איינגאַנצן צוברעכן דעם רוקן־ביין פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי — פאַר דעם צוועק דאַרף מען וואָס גיכער קריגן אַלגעמיינע וואַל־רעכט. לאַסאַל האָט אַ ריי קאָנפערענצן וועגן דעם מיט ביסמאַרק'ן, איינער פון די מעכטיקסטע שטאַטסמענער, וואָס פרייסן, און שפּעטער אויך דייטשלאַנד, האָט ווען עס איז געהאַט, און ער מאַכט אויף דעם אייזערנעם מענטשן אַן אומפאַרגעסלאַכן איינדרוק. מיט יאָרן שפּעטער האָט זיך טאַקע ביסמאַרק מודה געווען אין דעם דייטשישן פּאַרלאַמענט, אַז ער האָט פון לאַסאַל'ן זייער פיל געלערנט.

מיט אַ היבש ביסל טורמע־אורטיילן איבער זיין קאָפּ לאָזט זיך נאָך לאַסאַל אויף אַ טור פון אַגיטאַציע. לאַסאַל ברענט. לאַסאַל פלאַקערט. טויזנטער קומען אים הערן. אומעטום ווערט ער אויפגענומען פון די אַרבעטער ווי אַ משיח, אַן אויסלייזער פון אַלע זייערע צרות. און ווען אין זאָלינגען איז איינגעפאַלן דער זשאַנדאַרמעריע פאַנאַנדערצעטרייבן זיין מיטינג און אַרעסטירן אים, לאָזט זיך מיט אים אַוועק אַ מאַסע פון צען טויזנט אַרבעטער מיט הוראַ־געשרייען צום טעלעגראַף. לאַסאַל שיקט ביסמאַרק'ן אַ טעלעגראַמע און פאָדערט פון אים, אַז ער זאָל אים לאָזן אָנגיין מיט זיינע מיטינגען.

נאָך דערפאָלגרייכער איז זיין צווייטער טור איבער די רהיין־געגנטן צו פייערן דעם ערשטן יובילייו פון דעם אַלגעמיינעם דייטשישן אַרבעטער־פאַראיין. אומעטום וואַרטן אים

אָפּ גרויסע ארבעטער־מאסן און באגעגענען אים מיט פאָנען און מוזיק, מיט בלומען און סערענאַדעס. מ׳שטופּט זיך צו זיין עקיפּאַזש, ווי צו אַ הייליקן. ווער וויל דאָס ניט הערן זיין מעכטיק וואָרט פון דערלייזונג און דערהייבונג?!

און לאַסאַל רעדט. לאַסאַל רופט צום קאַמף. אומזיסט טרייבט די פּאָליציי פאַנאַנדער דעם מיטינג. אַן אַנדערער וואַקסט גלייך אוים אויף זיין אָרט. נאָך גרעסערע מאַסן קומען צו און לאַסאַל שוועבט ווי אַ גאָט איבער טויזנטער קעפּ און פאַר׳כישוף׳ט אַלעמען מיט זיין צויבער־שפּראַך. ניט אומזיסט האָט אים היינריך היינע אַ נאָמען געגעבן — „דער משיח פון דעם 19טן יאָרהונדערט“.

און ווידער שאַטנס פון טורמע און ווידער געריכטס־פּראָצעסן. דער סאַמע לעצטער איז פאָרגעקומען אין דיסל־דאָרף. לאַסאַל איז שוין שוואַך און פאַרמאַטערט. דער לייב איז שוין פארוואונדעט. ער איז נאָך אָבער אַלץ אַ לייב. ער קומט צופאָרן אין געריכט מיט אַזעלכע פּעק פון ביכער, ציימונגען און זשורנאַלן, אַז דער פּראָקוראָר דער־שרעקט זיך פּשוט פאַר אים. אַ גאַנצן טיש דאַרף מען אוועק־געבן דעם אָנגעקלאָגטן פאַר זיינע ביכער.

— „ש־ש־שאַ — טראָגט זיך דורך אַ שושקעריי איבער׳ן געריכטס־זאַל — „לאַסאַל גייט ריידן“ — און עס נעמט דונערן פון לאַסאַל׳ס מויל איבער דעם קאָפּ פון צעטומלטן פּראָקוראָר. עטלאכע שעה רעדט ער און מאכט אלע טענות פון דער רעגירונג צו נישט. אָבער דער אורטייל איז שוין גע׳חתמ׳עט פון פריער. „נאָך זעקס חדשים טורמע“. לאַסאַל

פילט, אז מיט זיין איצטיקן אָפּגעשוואכטן געזונט וועט ער דאָס שוין נישט קענען איבערטראָגן.

„איך דאַרף איצט רוען... רוען, כדי אָנצונעמען זיך מיט נאָך כוחות... מ׳דאַרף דאָך זיי האָבן. דער קאַמף איז דאָך נאָך ניט געענדיקט.״ און ער פאָרט אוועק אין מיטן זומער אין זיין אַלטן קור־פּלאַץ — ריגי.

דער שרעקלאַכער סוף.

לאַסאַלס סוף איז געקומען אזוי בליץ־שנעל, ווי עס איז געווען זיין גאַנץ פיבעריש לעבן. אין ריגי, וואו ער איז געפאָרן זוכן רו, האָט אים פאַרכאַפּט אַן אומרואיקייט, וואָס האָט אים שוין ניט אָפּגעלאָזט ביז ער האָט אויף אייביק פאַרמאַכט זיינע שיינע, גליענדיקע אויגן.

פיל פאַר׳חלומ׳טע פרויען־הערצער האָבן זיך שטענדיק געצויגן צו לאַסאַל׳ן, ווי די בלומען ציען זיך צו די שטראַלן פון דער זון. אָבער לאַסאַל, וואָס איז שטענדיק געווען ארומגעהילט מיט קאַמף און ארבעט, האָט זיך ביינמאָל אויף לאַנג ניט געקאָנט פאַרוויגן אין א ליבע־וויגל. עפּעס האָט ער יאָ איינמאָל געהאַט אַן ערנסטע ליבע מיט א רוסישן וויצע־גובערנאַטאָרס אַ טאָכטער, אָבער ער האָט זיך גיך אויסגעניכטערט אין דעם שטורעם פון זיין אַרבעט.

דאָ, אין ריגי אָבער, האָט ער זיך געטראָפן מיט אַ מיידל, וואָס האָט נאָך מיט עטלאַכע יאָר צוריק געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק. העלענא פאָן דעניגעס איז געווען איר נאָמען. זי איז געווען אַ זעלטענע שיינהייט און פאַר־ליבטע האָבן זיך אַרום איר געדרייט, ווי מאָטילקעס אַרום אַ

איינס! ... צוויי פּיסטאָלעטן — קנאַלן — און פערדינאַנד לאַסאַל
פאַלט ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים.

העלן ליכט. זי האָט אָבער ליב געהאַט לאַסאַל׳ן מיט׳ן גאַנצן פייער פון איר האַרצן. ביידע האָבן באַשלאָסן צו פאַראייניקן זיך אויף אייביק. וואָס פאַר אַ גליקלאַכע זיי זיינען דאָס ביידע געווען! וואָס פאַר אַ שיין פּאָרל וואָלט זיך דאָס באַוויזן אין בערלין!

אירע הויך־אַריסטאָקראַטישע עלטערן האָבן אָבער בשום אופן ניט געוואָלט צושטימען צו אַזאַ שידוך. ס׳טייטש: זייער טאָכטער זאָל חתונה האָבן מיט אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט פאַרבראַכט אַ העלפט פון זיין לעבן אין טורמעס... און נאָך אַ איד דערצו!

זיי האָבן זייער שיינע טאָכטער פאַרשפּאַרט און קיינעם ניט צוגעלאָזן צו איר. אומזיסט האָט זי געשריען, אומזיסט האָט זי זיך געבעטן. אירע עלטערן האָבן פאַר איר געהאַט אַן אַנדער חתן — אַ וואַלאַכישן אָפיצער פון אַ פירשטלאַכער פאַמיליע.

לאַסאַל האָט קיין מינוט ניט גערוט. זיין שטאָלץ און ווירדע האָבן אים אונטערגעזאָגט: ניין, דו טאָרסט ניט פאַרלירן! זיין קאַמפּסלוסטיקע נאַטור האָט אים געטריבן: טו אַלץ אין דער וועלט און זאָל דער וואַלאַכישער יונקער ניט האָבן איבער דיר צו לאַכן.

וואָס האָט ער ניט געפּרוּווט צו טאָן און וועמען האָט ער ניט איינגעשפּאַנט צו הילף! דער בישאָף פון מאַינץ, דער מוזיקער ריכאַרד וואַגנער, דער היסטאָריקער ריסטאָוו, און דער בייערישער אויסלאַנדס־מיניסטער זוכן צו ווירקן אויף דעם פאַר׳עקשנ׳טן פאָן דעניגעס. אָבער קיין זאַך העלפט ניט. לאַסאַל דערזעט פאַר זיך צום ערשטן מאָל אין לעבן

זיין אָפּגרונט. נײן, ער טאָר דאָס ניט שענקען! מיט בלוט דאַרף אָפּגעוואַשן ווערן זיין העלישע וואונד.

ער, דער סאָציאַליסט, וואָס האלט ניט פון דועלן, שיקט איצט אַן ארויסרוף דעם אַלטן פאָן דעניגעס. יענער רוקט זיך ניט, אָבער ער שיקט אויף זיין אָרט דעם וואַלאַכישן יונקער.

עטלאַכע טעג גייען פאַרביי. דערנאָך אַ פרימאָרגן אין אַ וועלדל, לעבן דעם פראַנצויזיש שטעטל באַרוזשי... עט־לאַכע געשטאַלטן שטעלן זיך אוים... ס׳הערט זיך אַ קאָ־מאַנדע: „איינס!״... צוויי פיסטאָלעטן־קנאַלן — און פער־דינאַנד לאַסאַל פאַלט ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים.

דריי טעג האָט ער זיך נאָך געראַנגלט מיט׳ן ביטערן טויט. אין דער צייט האָט ער נאָך דערוויזן צו מאַכן אַ קורצע צוואה. אַ טייל פון זיין פארמעגן לאָזט ער איבער פאַר דער פּאַרטיי און אַ טייל פאַר זיינע נאָענטע פריינד.

דעם 31טן אויגוסט האָט דער טויט אים באַזיגט. לעבן זיין בעט האָט געקניט די גרעפין פאָן האַצפעלד, שטיקנדיק זיך מיט ביטערע טרערן.

ליטעראַטור פאַר שול און קינד

פאָלגנדע ליטעראַטור קאָן מען באַשטעלן דורכ'ן בילדונגס־דעפּאַרטמענט פון אַרבעטער רינג :

אידיש־ענגליש־העברעאישער ווערטערבוך, פון אַלעקסאַנדער הארקאַווי	$3.50
אין קינדערלאַנד, פון לאה ס. האָפמאַן	1.00
איליאַס און אָדיסעיאַ, פון גאָלדע פאַט	.25
רויטער פנקס	.50
זכרונות פון אַ אידישן סאָציאַליסט, אין 3 בענדער, פון ב. ביכאַלעוויטש	1.00
די נייע שול (נומער 1)	.20
שול און לעבן	.10
שול־לעבן (סעמינאַר נומער 2)	.10
4 מעשה'לאַך פאַר קינדער, פון ב. לוואָוואַ	.10
שוואַרצער מוסטאַנג, פון ערנעסט טאָמאַפּסאָן־טעטאָן	.10
נחום יוד'ס פאַבלען	1.25
ביבלישע מעשה'לאַך, פון יעקב פאַט	.25
גריכישע חכמים, פון דר. ה. פראַנק	.15
מאַיסעלאַך פאַר קליינינקע קינדערלאַך, פון מיריאַם מאַרגאָלין	.10
פויגלען — טעקסט פון ל. קוויטקאָ, צייכנונגען — י. ריבאַק	.10
אין וואַלד, טעקסט פון ל. קוויטקאַ, צייכנונגען — י. ריבאַק	.10
קינדער־וועלט, טעקסט פון ב. סמאָליאַר, צייכנונגען פון י. ריבאַק	.10

(די פּרייזן זיינען אָן פּאָרטאָ)

קינדער־ליטעראַטור

ביאָגראַפיעס פון באַרימטע מענטשן און אנדערע ביכלאך

אַרויסגעגעבן פון

בילדונגס דעפּאַרטמענט פון אַרבעטער רינג

לאָמיר קינדער זינגען (לידער מיט נאָטן)—מ. געלבארט .75 $

גאַריבאַלדי (ביאָגראַפיע), פון ש. הורוויץ — — — .10

זשאָרעס (ביאָגראַפיע), פון ש. הורוויץ — — — — .10

קאַרל מאַרקס (ביאָגראַפיע), פון י. ב. ביילין — — .15

בוקער ט. וואַשינגטאָן (ביאָגראַפיע), פון ל. פאָגלמאַן .15

משה מענדעלסאָן (ביאָגראַפיע), פון ש. הורוויץ — .15

שרה'קע (דערציילונג), פון י. אפּאטאָשו — — — .15

פּאסן ליכט (קינדער־פּיעסע), פון אסתר שומיאטשער .25

שפּילן פאר קינדער, פון י. שטיינבוים — — — — .75

פּערדינאַנד לאסאל (ביאָגראַפיע), פון י. ב. ביילין — .15

דזשאָראנאָ ברונאָ (ביאָגראַפיע), פון ש. הורוויץ — .10

(די פּרייזן זיינען אָן פּאָרטאָ)

ביכער־קאַטאַלאָג

פון אַרבעטער רינג און אַנדערע אויסגאבן

	פאַר אַ. ר. מיטגל.	פאַר פרעמדע
אַמעריקאנער געשיכטע, פון הלל ראָגאָף (2 בענד)	$2.25	$3.00
אויף פוילן׳ס ערד, פון קראָנענבערג — — — — —	.30	.50
ארב. רינג געשיכטע, פון א. ש. זאקס (2 בענד) —	1.85	3.00
אריפמעטיק, פון ה. בורגין — — — — — — —	1.00	3.00
באָטאַניק, פון א. ש. זאקס — — — — — — —	.20	.40
בוכהאלטעריע, פון מ. איוועגסקי — — — — —	.75	1.50
היגיענע, פון דר. י. א. מעריסאָן — — — — —	.20	.40
זאָאָלאָגיע, פון דר .ב. האָפמאַן — — — — —	1.00	3.50
טרייד־יוניאָניזם, פון דר. לעווין — — — —	.20	.40
נחום יוד׳ס פאבלען — — — — — — — — —	1.25	1.50
כעמיע, פון דר. ס. פיינסטאָן — — — — — — —	.75	2.50
פאָליטישע עקאָנאָמיע, פון א. ש. זאקס — — —	1.50	3.00
פאָגראָמען אין אוקראינע, פון פראָפ. א. חפץ — —	.40	2.20
די פיזישע ערציהונג פון קינד, פון ה. סאלוצקי —	.40	3.50
פיזיאָלאָגיע, פון דר. י. א. מעריסאָן — — — — —	1.75	3.50
קאָאָפעראציע, פון אהרן סטאָלינסקי — — — — —	.75	1.50
קאנאדא, געשיכטע און אנטוויקלונג, פון א. ריינוויין	.75	1.50
שפילן פאר קינדער, פון י. שטיינבוים — — — — —	.75	1.00
שמוגלערס, ראָמאן, פון ע. ווארשאווסקי — — — —	.90	1.50
אידיש־ענגליש־העברעאישער ווערטערבוך, פון אלכסנדר הארקאווי — — — — — — — —	3.50	5.00

(די פרייזן זיינען אָן פאָרטאָ)

אָרדערט דירעקט פון עדיוקיישאָנאַל דעפּארטמענט:

Educational Department
WORKMEN'S CIRCLE
175 East Broadway, New York, N. Y.